ווען ער איזשוין גוט פארשוויצט זאגט ער מיט דעם חתן „הרי את מקודשת“ און ווען ער האט נאך א פאָר חתונות אין איין נאַכט, אין פארשיידענע האָלס, איז ער אזוי צוטומעלט אז ער פארגעסט זיך אין גאנצען אין דעם „הרי את“, ווייל זיינע געדאנקען איז נאר אויסצופירען די טעהאטער שטיק בכל פרטיה ודקדוקיה. און ווער רעדט וועגען די כתובה, מיט די עדות, האָבען מיר טאקע אַ פאַקט דאס אַ חזן מיט זיין זוהן זיינען געווען די עדות. אזעלכע הפקרות געהט דאס אן אין באָסטאָן מיט „סדור קדושין“.

מיר פאַרשטעהן אז מען וועט אונז פרעגען אויב די רבנים ווייסען פון די אלע זאכען, און ווי זיי זאגען אז זיי זיינען נאר מגלה טפח, ווארום האָבען זיי געשוויגען ביז איצט? ! אויף דעם האָבען מיר פיעל תירוצים, נאר דער בעסטער תירוץ איז אז מיר האָבען געזעהן דאס די קהלות בכלל און יחידים בפרט קערן פאר דעם ניט. די איבערציינגונג איז, וואס אַלע רבנים מוסמכים צוזאמען האָבען ניט קיין צעהנטע טהייל חתונות וואס איין חזן אדער גלאַט אַ מסדר קדושין האט, נאָכדעם ווי די אגודת הרבנים האורטודוכסים דארצית הברית וקענעדע האָבען שוין ביי זייערע יעהרליכע קאָנווענשאָנס פיעל מאָל מפרסם געווען אז סדור קדושין טאָר ניט זיין נאר דורך אַ רב מוסמך, ווייל עס קומט ארויס פיעל מכשולים פון די זאגענאַנטע מסדרי קדושין, דאך האט ניט געהאלפען קיין קול קורא קיין אזהרה — האבען מיר אויסגערעכענט אז אונזער פראָטעסט וועט אויך גאר ניט העלפען, עס וועט נור מאכען א חלול השם, מען וועט זאגען אז די רבנים מיינען ביזנעס צו מאכען געלד פון חתונות און ניט לשם שמים.

הגם אפילו אז מיר וואלטען דאָס מיינען וואלט אויך קיין עולה ניט געווען, דען באַטראַכט די שכירות פון א חזן, דער קלענסטער פון זיי פשוט אַ אינגעל, לא תואר ולא הדר פון א אידען, איז אויסער וואס ער זינגט אין די האָלס און אויף קאָנצערטען, זיינען זיינע שכירות פיעל מעהרער ווי די שכירות פון אלע רבנים צוזאמען (מיר מיינען די ארטאדאָקסישע רבנים) און אפילו די ימים-נוראים'דיגע חזנים, וואס א גאנצען יאָהר זיינען זיי ארבייטער אין די שעפער אדער אין ביזנעס, נעהמען א סך מעהר ווי די שוהלרבנים. און די רבנים וואס האָבען גאָר קיין שוהל ניט, מוז מען פאר זיי שרייען אין די שוהלען: „גיט נדבות פאר די ארימע רבנים“ וואס דאס איז דער גרעסטער חלול השם און בזיון התורה. ווי דער רמ"א פסק'נט בפירוש (יו"ד ס" רנ"א) בזה הלשון: ואין לִתֵּנם הרב שבעיר מכים של צדקה דגנאי הוא לו וגם לבני העיר אלא יעשו לו ספוק ממקום אחר. לסוף ווען אַ איד איז זוכה התונה מאַכען אַ קינד, און ער דארף א מסדר קדושין, נעהמט ער ניט אַ רב ער זאל פארדינען א טאלער בדרך כבוד, נאר ער נעהמט א חזן אדער גלאַט אַ מסדר קדושין און באַצאָהלט איהם פיעל מעהר ווי ער וואלט באַצאָהלט א רב.

און אז מיר זיינען אין אזא טרויערדיגע לאגע האָבען מיר ניט געהאט דעם מוטה ארויסצוקומען מיט אַ פראָטעסט, ביז עס האט זיך געמאַכט דער צופאַל וואָס האָט אונז גענייט צו דעם.

דער געזעץ פון מאססאטשוזעטס סטייט איז צייט צעהנדליגער יאָהרען אז ווער עס וויל הייראַטען ניט רעליגיעז הייראט ער אין קארט אדער ביי א דזשאסטיס אף די פיעס, אבער דער וואס וויל הייראטען נאר רעליגיעז זאָל ער הייראטען נאר ביי א ארדיין רבי.

וואָס האָבען געטאָהן די מסדרי קדושין, וועלכע זיינען ניט קיין רבנים און ניט קיין ראביים, האָבען זיי זיך אויך געסיינט אין די לייסענס מיט דעם טיטול רבי, ביז עס האָט זיך צוזמען געקליבען אין באָסטאָן אליין בערך 150 ראביים וואָס זיינען „מסדר קדושין“. די סיטי קלוירקס ניט וויסענדיג ווער עס איז א רב און ווער עס איז א ראביי אדער א חזן אדער א שמש אדער סתם הבא מן השוק, האָבען געדיינקט אז געווים זיי-